איך וועל אייך פרעגן איין קשיא, און ענטפערט
מיר; און איך וועל אייך זאָגן, מיט וועלכן רשות
30 איך טו די דאָזיקע זאַכן. צי איז די טבילה פון
יוחנן געווען מן השמים, אָדער פון מענטשן? ענטפערט
31 מיר! און זיי האָבן עס איבערגעלייגט צווישן זיך,
אַזוי צו זאָגן: וועלן מיר זאָגן: מן השמים,
וועט ער זאָגן: טאָ פאַרוואָס האָט איר אים נישט
32 געגלויבט? וועלן מיר אָבער זאָגן: פון מענטשן?—
האָבן זיי מורא געהאַט פאַרן המון; וואָרום אַלע
האָבן געהאַלטן, אַז יוחנן איז ווירקלעך געווען אַ
33 נביא. און ענטפערנדיק זאָגן זיי צו ישוען: מיר
ווייסן נישט! און ישוע זאָגט צו זיי: זאָג איך
אייך אויך נישט, מיט וואָס פאַר אַ רשות איך טו
די דאָזיקע זאַכן!

## קאַפּיטל צוועלף

1 און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו זיי אין
משלים. אַ מענטש האָט געפלאַנצט אַ וויינ־
גאָרטן, און אים אַרומגערינגלט מיט אַ פּלויט,
און האָט געגראָבן אַ קעלטער, און געבויט אַ
טורם, און האָט אים פאַרדונגען צו גערטנער, און
2 איז אַוועקגעפאָרן. און צו דער רעכטער צייט האָט
ער געשיקט אַ קנעכט צו די גערטנער, אַז ער זאָל
באַקומען פון די גערטנער פון דער פרוכט פונם
3 ווייַנגאָרטן. און זיי האָבן אים גענומען, און האָבן
אים געשלאָגן, און אַוועקגעשיקט מיט גאָרנישט.
4 און ער האָט ווידער צו זיי געשיקט אַן אַנדערן
קנעכט; און יענעם האָבן זיי צעשלאָגן דעם קאָפּ,
5 און אָנגעטון חרפּות. נאָך אַן אַנדערן האָט ער
געשיקט; און יענעם האָבן זיי געטייט; און אַ סך